**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט צוזאמענארבעט צווישן עטליכע אגענטורן צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו סקול-קינדער'ס גייסטישע געזונטהייט**

***אפיס פון גייסטישע געזונטהייט און עדזשוקעישען דעפארטמענט גייען אריין אין שותפות מיט די סטעיט'ס פובליק מידיע פירמעס צו צושטעלן מאטעריאלן פאר מחנכים צו שטיצן קינדער'ס גייסטישע געזונטהייט***

***מולטי-מידיע מאטעריאלן פארעפנטליכט אין 'זעלבסטמארד פארמיידונג חודש'; ערגענצט גאווערנער'ס איניציאטיוו צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג אין ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א צוזאמענארבעטנדע אונטערנעמונג צווישן עטליכע אגענטורן צוזאמען מיט ניו יארק PBS סטאנציעס צו אויסשטאטן מחנכים פון פרי-קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס מיט מאטעריאלן און סטראטעגיעס אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן צו שטיצן די גייסטישע וואוילזיין פון זייערע שילער. פראדוצירט דורך די WNET Group מיט הילף פון די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) און די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט, איז די Student Mental Health Matters: A Toolkit for Educators (סקול קינדער גייסטישע געזונטהייט מאכט אויס: מאטעריאלן פאר מחנכים) דא צו באקומען אומזיסט אויף די אינטערנעט, און עס האט מער פון 50 דיגיטאלע ווידעאוס וואס אדרעסירן נושאים ספעציפיש פאר גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג.

"ניו יארקע מחנכים געפונען זיך אויף די סאמע פראנט פון אונזערע באמיאונגען צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג אין אונזער סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אייגנארטיגע שותפות צווישן פובליק מידיע און ניו יארק סטעיט וועט זיי גיבן מיטלען און סטראטעגיעס וואס זיי קענען נוצן צו העלפן אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען פון די קינדער וואס זיי זעהען ארויפקומענדיג אין סקולס און אין די קלאסצימערן אריבער אונזער סטעיט."

ווערנדיג אוועקגעשטעלט אין אנערקענונג פון זעלבסטמארד פארמיידונג חודש אין ניו יארק סטעיט און אויף דעם אלוועלטליכן 'גייסטישע געזונטהייט טאג' אום אקטאבער 10, זענען די מאטעריאלן אויסגעשטעלט צו אויסשטאטן מחנכים, סקול איינגעשטעלטע און סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן מיט קריטישע באקאנטשאפט און סטראטעגיעס וועלכע זענען נויטיג צו שטיצן די גייסטישע וואוילזיין פון זייערע שילער. די מאטעריאלן זענען אנטוויקלט געווארן דורך The WNET Group – די נאָן-פּראָפּיט פירמע וואס איז די 'טאטע פירמע' פון ניו יארק'ס באקאנטע סטאנציע THIRTEEN – מיט שטיצע פון די סטעיט'ס אפיס פון גייסטישע געזונטהייט און פון די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט – אין צוגאב צו די גייסטישע געזונטהייט טעכנאלאגיע טראנספער צענטער נעטווארק, די נאציאנאלע צענטער פאר סקול גייסטישע געזונטהייט, די Child Mind Institute און אנדערע פובליק מידיע סטאנציעס.

די מאטעריאַלן קאנצענטרירן זיך אויף פינף באַזונדערע נושאים מיט וועלכע די הויפט מחנכים און די באגלייטנדע מחנכים טרעפן זיך אַן צווישן קינדער: זעלבסטמאַרד פארמיידונג, אנגעצויגנקייט, זיך אליין ווײ טוהן, נעגאַטיווע קינדשאפט ערפארונגען און סאָושעל מידיע. יעדע נושא רעכנט אריין קורצע ווידעאוס מיט מומחיות'דיגע קוק ווינקלען פון גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, סקול מנהלים און מחנכים, מיט די ציהל צו העלפן לערער בעסער פארשטיין די שוועריגקייטן; ווידעאוס פון די קוק ווינקל פון די קינדער אויפדעקנדיג די איבערלעבענישן פון די קינדער; און סטראטעגיעס מיט ממשיות'דיגע ביישפילן פאר די לערער צו אננעמען.

די מאַטעריאלן זענען דא צו באַקומען פריי פון אפצאל פאר אלע מחנכים אין ניו יארק דורך PBS LearningMedia וואס אפפערט מחנכים צוטריט צו מאטעריאלן פון PBS סטאנציעס און זייערע שותפים. נאענט צו 70,000 מחנכים אריבער ניו יארק סטעיט באנוצן זיך מיט די מאטעריאלן יעדן חודש צו באגלייטן קלאסצימער לעקציעס.

גאווערנער האקול האט אריינגעלייגט פינאנצירונג פאר די מאטעריאלן אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023. די $300,000 צוגאב איז דעזיגנירט געווארן צו אנטוויקלען די חינוך'דיגע מאטעריאלן, זיך דורכרעדנדיג מיט די OMH, כדי צו פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט פון סקול קינדער דורך קעיר וואס איז צענטרירט ארום טראומע, היילנדע קריזיס אינטערווענץ און זעלבסטמארד פארמיידונג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "עס איז דא א קלארע פארבינדונג צווישן דאס אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן אין אונזערע קינדער היינט און דאס פארבעסערן זייער גייסטישע געזונטהייט שפעטער אין לעבן. דורכן צושטעלן פאר מחנכים די מיטלען צו קענען אויפכאפן די שוועריגקייטן, קענען מיר זיי העלפן אויפקומען מיט סטראטעגיעס וויאזוי צו שטיצן זייערע שילער, און אויב נויטיג, זיי צו פארבינדן מיט נאך גייסטישע געזונטהייט הילף. די שותפות צווישן די ניו יארק סטעיט רעגירונג און פובליק מידיע פירמעס ערגענצט גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג אין ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "מיר מוזן ארבעטן צוזאמען צו מאכן גייסטישע געזונטהייט מיטלען גרינגער צו באקומען און מער צוגענגליך פאר אלע ניו יארקע שילער. גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען זענען דירעקט פארבינדן מיט די קינדער'ס מעגליכקייט צו האבן די עמאציאנאלע פעסטקייט און סטאביליטעט וואס זענען נויטיג צו קענען דורכשוויצן די שוועריגקייטן פון לערנען און פון פערזענליכע וואוקס אויף אן עפעקטיוון פארנעם. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, און אין צוזאמענארבעט מיט אונזערע שותפות'דיגע אגענטורן, קענען מיר האלטן די נושא אויף די פראנט און צושטעלן פאר אונזערע מחנכים די נויטיגע כלים צו קענען אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן מיט וועלכע אונזערע שילער טרעפן זיך אן."

**ניו יארק סטעיט באורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר, לעסטער וו. יאָנג דזשוניאר, האט געזאגט,** "מחנכים שפילן א וויכטיגע ראלע ביים שטיצן אייערע שילער'ס גייסטישע געזונטהייט. זיי מאכן זיכער אז סקולס און קלאסצימערן זענען זיכערע און שטיצנדע אטמאספערעס פארן לערנען וועלכע שטיצן די וואוילזיין פון די שילער. די שותפות און די אומזיסטע אנליין מאטעריאלן זענען א שעפערישע וועג צו שטיצן די גייסטישע געזונטהייט פון סקול קינדער און זיי העלפן מצליח זיין סיי אינעווייניג אין די קלאסצימער און סיי אינדרויסן."

**פרעזידענט און טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פון The WNET Group, ניעל שאפירא, האט געזאגט,**
"מיר אנערקענען די וויכטיגקייט פון העלפן מחנכים צו אדרעסירן די קריטישע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וואס אונזערע סטודענטן גייען אריבער, און עס דערפרייידט אונז צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט און די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט צו אנטוויקלען אומזיסטע מאטעריאלן וואס מחנכים קענען נוצן. די ברייטע מאטעריאלן וואס מיר האבן געמאכט שטעלן צו מער פון 50 ווידעא-באזירטע מאטעריאלן און שטיצנדע מאטעריאלן, אריינרעכנענדיג דאקומענטאריס און אפגעכאפטע ווידעאו פון א קלאסצימער, פאנעל שמועסן און סקול קינדער'ס שטימעס. צוזאמען מיט ניו יארקע פובליק מידיע סטאנציעס אריבער די סטעיט, וועלן מיר אויך אויפשפילן א וואך פון ספעציעלע פראגראמען און נייעס דעקונג ארויסהייבנדיג לאקאלע קאמיוניטי מיטלען צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו גייסטישע געזונטהייט."

גאווערנער האקול האט געמאכט גייסטישע געזונטהייט פון יונגווארג אלס א קאנצעטראציע פון איר אדמיניסטראציע, און זי האט עס אריינגעלייגט אלס א וויכטיגע באשטאנדטייל פון איר [היסטארישע 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן](#) צו איפרעכטן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סיסטעם. אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 וואס איז אנגענומען געווארן אין מאי, האט זי פארזיכערט 30 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר סקול קינדער אריבער די סטעיט, אריינרעכנענדיג 20 מיליאן דאלאר פאר סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און 10 מיליאן דאלאר צו דורכפירן טרעגירונג פאר סערוויסעס ארום און ארום.

די בודזשעט פארמאכט אויך לעכער אין אינשורענס דעקונג — א זאך וואס איז געווען א שטרויכלונג פאר ניו יארקער וועלכע נויטיגן זיך אין גייסטישע געזונטהייט קעיר און דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס. צווישן עטליכע קריטישע ענדערונגען, וועלן ביזנעס אינשורענס פלענער געפאדערט ווערן צו דעקן סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט אין סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס.

גאווערנער האקול האט אויך אפגעהאלטן אן ['אויסהערן טור' איבער גייסטישע געזונטהייט פון יונגווארג](#) און אזוי אויך די סאמע ערשטע ['צוזאמקום איבער גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג'](#) וואו סטעיט און נאציאנאלע עקספערטן זענען זיך צוזאמגעקומען צוזאמען מיט סערוויס פּראָווײדערס און פארמישטע קערפערשאפטן צו אונטערזוכן די פרעצעדענטלאזע שוועריגקייטן וואס פילע יונגע מענטשן גייען אריבער היינטיגע טעג. צווישן די רעקאמענדאציעס וועלכע זענען ארויפגעקומען דורכאויס די טור און די צוזאמקום זענען געווען צו אינוועסטירן אין קאמיוניטי-באזירטע מיטלען צו פארמערן גייסטישע וואוילזיין און צו פארמערן ביליגע גייסטישע געזונטהייט מיטלען.

פריער דעם יאר, האט די פאראייניגטע שטאטן צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל ( Centers for Disease Control, CDC) פארעפנטליכט איר [יונגווארג ריזיקע אויפפירונג סורוועי ( Youth Risk Behavior Survey)](#) וואס האט געפונען אלארמירנדע גייסטישע געזונטהייט אנטוויקלונגען צווישן סקול קינדער צווישן 2011 און 2021 — באזונדערס צווישן מיידלעך אין די צענערלינגען. כמעט א דריטל פון די יוגנטליכע מיידלעך האבן ערנסט אין באטראכט גענומען צו פרובירן זעלבסטמארד אין 2021, אן אויפשטייג פון 19 פראצענט פון די פריערדיגע צען יאר; ארום דריי אין פינף האבן כסדר געשפירט טרויעריג אדער הילפסלאז אין 2021, וועלכע איז צוויי מאל די ראטע פון יוגנטליכע יונגלעך און פארטרעט א כמעט 60 פראצענט אויפשטייג איבער די ראטע רעקארדירט אין 2011.

דער באריכט האט אויך געפינען אז יוגנטליכע פון קלענערע פאפולאציעס זענען מיר אויסגעשטעלט צו ליידן פון גייסטישע העלט פראבלעמען: מער ווי האלב פון די LGBTQ+ סטודענטן האבן זיך אויסגעדריקט אלץ האבן פארנאכלעסטיגע גייסטישע העלט, מיט איין אין פינף באריכטנדיג האבן פרובירט זעלבסטמארד אין די לעצטער יאר. זעלבסטמארד פראוון זענען אויך געווען העכער צווישן טונקל-הויטיגע יונגווארג אין פארגלייך צו ווייסע יונגווארג, לויט די באריכט.

**איבערק The WNET Group**

The WNET Group פראדוצירט אינספירירנדע מידיע אינהאלט און מיינונגספולע ערפארונגען פאר פארשידנארטיגע קהלים אריבער דאס לאנד. עס איז די קאמיוניטי-געשטיצטע היים פון ניו יארק'ס THIRTEEN – אמעריקע'ס בארימטע PBS סטאנציע – WLIW21, THIRTEEN PBSKids, WLIW World and Create; NJ PBS, ניו דזשערסי'ס סטעיט-ברייטע פובליק טעלעוויזיע נעטווארק; לאנג איילענד'ס איינציגסטע NPR סטאנציע WLIW-FM; ALL ARTS, די קונסט און קולטור מידיע פראָווײַדער; newsroom'ס NJ Spotlight News; און FAST טשענעל'ס PBS Nature. דורך די טשענעלס און סטרימינג פלאטפארמעס ברענגט The WNET Group קונסטווערק, קולטור, חינוך, נייעס, דאקומענטארי, אונטערהאלטונג און DIY פראגראמען צו מער פון 5 מיליאן צוקוקער יעדער חודש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן